LES CAHIERS YIDDISH
Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ייִדישע העפֿטן



n° 111
JANVIER 2007
2007 יאַנואַר
PRIX : 5 euros

Jacob MARKIEL
Ecole de Paris (1911-2006)
"Autoportrait"
Huile sur toile.

יעקב מאַרקעל
(2006–1911)
„אויטאָפּאָרטרעט"
אייל-בילד.

# ייִדיש אין בראַזיל

## אינטערוויו מיט זשאַקאָ גינסבורג

אויפגענומען פון פּראָפ. מאַקס קאָהן (פּאַריז)

**פּראָפעסאָר מאַקס קאָהן, לאַורעאַט פון מאַקס צוקיערמאַן פּרייז 2006, האָט זיך באַגעגנט מיט וויכטיקע פּערזענלעכקייטן פון די ייִדישע וועלט. ער איז געוואָרן דער שליח פאַר די "ייִדישע העפטן" וואָס וועלן אַדאַנק אים אָפּשפּיגלען די טעטיקייטן לגבי ייִדיש אין פאַרשידענע לענדער.**

**מאַקס קאָהן :**
**ווער זענט איר ה' זשאַקאָ גינסבורג?**

**זשאַקאָ גינסבורג :** איך בין געבוירן אין שטעטל רישקאָן (בעסאַראַביע) דעם 20טן סעפּטעמבער 1921, לויט דעם ציווילן קאַלענדאַר און צוויי טעג ערב ראש-השנה, לויט דעם ייִדישן לוח.

"מאַליער", דאָס איז געווען דער נאָמען פון אַ פּרעמיע וואָס AIR-FRANCE פלעגט יערלעך צוטיילן פּערזענלעכקייטן אין בראַזיל פאַר אַרטיסטישע, ליטעראַרישע אָדער קולטור-אַרטיוויטעטן.

איך האָב באַקומען די אויסצייכענונג Joao Ribero פון דער Academia Brasileira de Letras פאַר ליטעראַרישע און קולטורעלע אַרבעט און פון דער בראַזיליאַנער רעגירונג פאַר קולטורעלע אַקטיוויטעטן.

אין דער אוניווערסיטעט פון סאַן-פּאַולאָ בין איך געווען פּראָפעסאָר פון עסטעטיק און טעאַטער-טעאָריע און כ'האָב דערגרייכט די מדרגה פון "Full Professor". איצט בין איך פּענסיאָנירט, אָבער איך פיר נאָך אָן מיט "post-graduated" קלאַסן. אַחוץ דעם, שוין מער פון 50 יאָר, פאַרנעם איך זיך מיט אַרויסגעבן ביכער אַלס פאַרלעגער.

נאָך דעם צווייטן וועלט-קריג האָב איך געגרינדעט, מיט בראַזיליאַנער חברים, אַ פאַרלאַג וואָס האָט אַרויסגעבן, איך גלויב דאָס ערשטע מאָל צוזאַמענשטעלט אין בראַזיל, אַ ייִדישע אַנטאָלאָגיע, און אַ זאַמלונג פון ייִדישע דערציילונגען Joias de Conto Idishe (איידעלשטיינער פון ייִדישע דערציילונגען), מענדעלע, שלום-עליכם, פּרץ, פּינסקי, נאָמבערג, י.י. זינגער, אָפּאַטאָשו, באַשעוויס-זינגער, און אויך אַ זאַמלונג פון פּרצ'ס מעשהס און שלום אַשס ראָמאַן "די מוטער" (די אַלע ווערק זענען פּובליצירט געוואָרן אין איבערזעצונגען וואָס איך און אַנדערע מיט-אַרבעטער האָבן דורכגעפירט).

אין משך פון 10 יאָר האָב איך מיטגעאַרבעט מיט Difusao Européia do Livro אַ פאַרלאַג פון אַ פראַנצויזישן אָפּשטאַם, ווו איך האָב איבערגעזעצט סאַרטר (Sartre), דעקאַרט (Descartes) און מאָדערנע וויסנשאַפטלעכע, פילאָזאָפישע, קריטישע און היסטאָרישע ווערק. אַ ביסל שפּעטער האָב איך מיך אָפּגעגעבן מיט דידעראָט'ס (Diderot) שריפטן. עס איז אַ לאַנגע רשימה אין וועלכע עס געפינען זיך אנסקי, בוכנער, באַשעוויס-זינגער, אנגון, יוליוס גוטמאַן, און א.וו. אין 1966 האָב איך געגרינדעט די Editora Perspectiva אין וועלכע איך פיר מיין פאַרלעגערישע טעטיקייט ביז היינט.

**מאַקס קאָהן :**
איר האָט מיר געשיקט אַ בוך וואָס הייסט "וואָס איז געשען איז געשען", "Ce qui est arrivé est arrivé"(1). דאָס זענען קליינע משהלעך און אַ פּאָר פון זיי דערציילן די איבערלעבענישן פון אַ העלד וואָס הייסט שרוליק. אין אַ מעשהלע וואָס הייסט "וואָס האָט זי געזאָגט ?"(2), "Qu'est-ce qu'elle a dit?" זעט מען שרוליק וואָס פאַרשטייט נישט קיין וואָרט פון פּאָרטוגעזיש, און ער פּרוּווט איבערזעצן אין ייִדיש וואָס ער הערט. דאָס זענט איר? דערציילט אונדז וועגן אייער קומען דאָ אין בראַזיל ווי אַ קינד און וואָס האָט פּאַסירט מיט אייך. "וואָס געשען איז געשען" אָבער וואָס האָט געשען מיט ייִדיש אין בראַזיל?

(1) Guinsburg J. (2001), *Ce qui est arrivé est arrivé*, Nouvelles, Paris, Caractères, 2005.
(2) Ibid., "Qu'est-ce qu'elle a dit?" p. 11-25.

**זשאַקאָ גינסבורג :**

וועגן אייער פראַגע איבער מיינע דערציילונגען געזאַמלט אין "וואָס איז געשען, איז געשען", דאַרף איך זאָגן אייך, אַז זיי זענען נישט אויטאָביאָגראַפיש אין טאָך, אָדער געשעפּט ספּעציעל פון פּערזענלעכע איבערלעבענישן אַלס קינד אין די ערשטע יאָרן פון מיין איינוואַנדערונג אין בראַזיל מיט מיין משפּחה. די געשיכטעס זענען אַ פרייע צוזאַמענשטעלונג פון באַמערקונגען, און אַנעקדאָטן, און פאַקטן וואָס זענען רעגיסטרירט געוואָרן אין מיין באַוווּסטזיין אָדער אין מיין אומבאַוווּסטזיין.

איך דערלויב מיך צו זאָגן, אַז איבערנעמען די לאַנדשפּראַך, פּאָרטוגיעזיש, איז נישט געווען פאַר מיר קיין טראַמאַטישע איבערלעבונג, ווייל מיר זענען געקומען פון בוקאַרעשט, ווו מיר האָבן געוווינט נאָך דעם וואָס מיינע עלטערן האָבן פאַרלאָזט דאָס בעסאַראַבישע שטעטל און זיך איבערגעצויגן אין דער רומענישע הויפּטשטאָט. אַזוי, אַז מיין קינד-שפּראַך, אויסער דעם שטיביקן ייִדיש, איז געווען רומעניש, אַ לאַטיינישער לשון.

ווי פאַר אַלע אימיגראַנטן, איז דאָס לעבן פאַר מיין פאָטער און מוטער, אין די נייע סביבה און נייע באַדינגונגען, געווען זייער אַ שווערע, און מיין דערציִונג, דאָך וואָס זיי האָבן נישט אָפּגעלאָזט מיינע פאָרמעלע בילדונג, האָט זיך אַנטוויקלט אַן ענגן קאָנטאַקט און פאַרמישונג מיט דעם בראַזיליאַנישן און אַנדערע נישט ייִדישע שריפטן פון די קוואַרטאַלן ווו מיר האָבן געוווינט.

(עס איז מיר, ליידער, שווער צו ענטפערן אין אַ פּאָר ווערטער אירע פראַגע וועגן וואָס איז געשען מיט ייִדיש אין בראַזיל. איבער די טעמע האָט איך געשריבן, מיט עטלעכע יאָר צוריק, אַן אַרטיקל וואָס הייסט :
.Le Yiddish au Brésil - "O idish no Brasl"

**מאַקס קאָהן :**

צי זענען אַריין בראַזיליאַנישע ווערטער אין ייִדיש אָדער פאַרקערט, ייִדישע ווערטער אין בראַזיליאַניש? קענט איר געבן אַ פּאָר ביישפּילן? אין אַ מעשה'לע "די וואַנדערונגען פון סטרוליק, "Les Pérégrinations de Strulik" (3), זעט מען ווי סטרוליק שרייבט שאַפן נייע ווערטער אין ייִדיש פון בראַזיליאַניש. וואָס איז דאָס" איר האַלט אַז מען קען רעדן ייִדיש אין אַלע שפּראַכן; נו, וויאַזוי רעדט מען ייִדיש אין בראַזיליאַניש?

**זשאַקאָ גינסבורג :**

די אָנגאַנג שפּראַך פון דעם בראַזיליאַנישן פאָלק - פּאָרטוגעזיש - האָט נישט אַריינגענומען קיין ייִדישע ווערטער. די סיבה איז זייער אַן איינפאַכע : די ייִדיש-רעדנדיקע אימיגראַציע אין בראַזיל, אין די מאָדערנע צייטן, איז געווען און איז געבליבן אין אַ פאַרקלענערטע צאָל (סטאַטיסטישע ציילט זיך דער ייִדישער יִשוב היינט-צו-טאָג, אַרום 100.000, קאָנצענטרירט אין סאַן-פּאַולאָ (60.000) און אין די גרעסטע שטאָט פון דעם קאָנטינענט וואָס הייסט בראַזיליאַ).

אַזוי אַז דער פּראָצעס איז געגאַנגען נאָר איינזייטיק, פון פּאָרטוגעזיש צו ייִדיש. די ייִדישע אימיגראַנטן האָבן, יאָ אַריינגענומען אין זייער טאָג-טעגלעכן געשפּרעך און אַפילו אין שריפט (נאָטיצן, בריוו, דערציילונגען אא.) בראַזיליאַנישע ווערטער און אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, אָבער נישט זיי פאַרייִדישט אין זאַץ געבוי, אָדער זיי פאַרייִדישט מיט אַ סופיקס :

עטלעכע ביישפּילן :

**כאַפּן ביי אַ וואָרט** (prendre pour la parole : pegar na palavra).

**דער פיסקאַר האָט מיך געכאַפּט מיט דער סחורה און מיך מולטירט**
(o fiscal me pegou com a mercadoria e me multou).

**ער איז געגאַנגען וואָטירן (שטימען)**
(Ele foi votar)

------------

(3) Ibid, "Les Péregrinations de Strulik", p. 27-46.

דאָס זענען, אפשר נישט זייער געלונגענע, מוסטערן פון דער פּלאַסטישקייט אויף וועלכע איך האָב געוואָלט אָנווייזן מיט מיין דערקלערונג, אַז מען קען רעדן ייִדיש אין אַלע שפּראַכן. אָבער דער פּראָבלעם איז אַן אַנדערער און שייכות צו אייער פראַגע וועגן דעם ייִדיש וואָס לאָזט זיך רעדן אין דעם בראַזיליאַנישן נוסח, ווייל דער פּראָצעס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך די לעצטע צוויי דורות פון דעם היגן יידנטום. אין אַלגעמיין רעדט מען איצט פּאָרטוגעזיש און מען וואַרפט אַריין אַ דיבור אָדער אַ זאָץ אַז מען וויל אָנווייזן נאָענטקייט מיטן ייִדישן וואָקאַבולאַר, מיט די וויצן, שפּראַכווערטער, און געמיינע ווערטער. געוויס אַז עס פעלט נישט די ייִדישע מאַמע און דער שוין אינטערנאַציאָנאַלע *משוגאַס*, די רשימה דאַרף, זיכער; אַריינעמען די באַקאַנטע ייִדישע יום-טובדיקע מכלים ווי : *געפילטע פיש, קרעפּלעך, גאָלדענע יאָך, געהאַקטע לעבער* און אַזוי ווייטער...

(אַ צוגאַבע אַלס קוריאָז : אין סאַן-פּאַולאָ-טעאַטער פירט מען אויף דעם מאָנאָט אַ פּיעסע וואָס טראָגט דעם טיטל "מיין ייִדישע מאַמע", אַ געמיש פון די ייִדישע און איטאַליענישע מאַמע, אין דער טעקסט אַ שאַפונג פון אַ ייִדישן מחבר און איז אויפגעפירט דורך בראַזיליאַנער אַקטיאָרן פון פאַרשידענע אָפּשטאַמען).

**מאַקס קאָהן :**

וואָס טוט איר מיט ייִדיש? צי האָט איר קאָנטאַקטן מיט אַנדערע יידישיסטן אין דער וועלט? און פאַרוואָס נישט?

**זשאַקאָמאַ גינסבורג :**

אין דעם גענויעם מאָמענט גיי איך דורך אַ שווערע פּראָבע, ענטפערן אירע שאלות אין ייִדיש. איך פיל, ביי עדות-וואָרט וואָס איך דערגרייכט אויסבילדן, אַז איך האָב איבערטראָגן אַ שטיין. און אויב איר ווילט וויסן וויפל שטיינער איז מיר געלונגען דעם בינין צו ברענגען, טוט מיר אַ טובה און צייט איבער די ווערטער. שלום עליכם לאָזט אונדז וויסן אַז לאַכן איז אַ געעווינטשענע רפואה פאַר אַלע שוועריקייטן...

אין דער אמת מוז איך זאָגן אַז די לעצטע יאָרן האָב איך מיך זייער ווייניק אָפּגעגעבן מיט דעם ייִדישן וואָרט און ליטעראַטור. די איינציקע אויסנאַם איז די איבערזעצונג פון דעם ראָמאַן "ברידער אשכנזי", דאָס מייסטער-ווערק פון באַשעוויס-זינגערס ברודער, י.י. זינגער, אַרבעט מיט וועלכע איך פאַרנעם זיך איצט כדי צו דריקן דעם טעקסט.

אין אַלגעמיין גערעדט, וויל איך אונטער-שטרייכן אַז מיין באַשעפטיקונג מיט די ייִדישע שפּראַך איז תמיד געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ פּאַסיווע, אין דעם זינען, אַז איך בין געווען און געבליבן אַ ליינער און אַ צוהערער פון דעם מאַמע-לשון.

פאַר דעם זעלבן מאָטיוו וואָס איך האָב אייך אַנטפּלעקט אין פריערדיקע פראַגע, איז מיין קאָנטאַקט מיט ייִדישיסטן, אין אַנדערע לענדער, שטענדיק געווען זייער באַשריינט. דאָך, אין סאַן-פּאַולאָ, אין דער אוניווערסיטעט האָב איך מיטגעאַרבעט מיט דער אָפּטיילונג פון ייִדישע שטודיעס ווי די ייִדישע שפּראַך (אויסשליסלעך לשון) ווערט געלערנט אַלס אַ רעגולערע לימוד.

**מאַקס קאָהן :**

וואָס איז די סיטואַציע מיט ייִדיש אין סאַן-פּאַולאָ און אין גאַנץ בראַזיל היינט און וואָס איז עס געווען?

**זשאַקאָ גינסבורג :**

ווי כ'האָב אייך איבערגעגעבן, דאַרף מען צושרייבן צום 20 יאָרהונדערט דער רוב פון דער ייִדישער עמיגראַציע אין בראַזיל. אין דער ווירקלעכקייט איז זי אַן אָפּטיילונג אָדער אַ קאָנסעקווענץ פון דעם שטראָם וואָס האָט זיך געטראָגן אין די אַרגומענטישע ריכטונג.

אין מערסטנס האָט זיך דער נייער איינוווינער באַזעצט אין גרעסערע צענטערס. אין ריאָ דע זשאַנעיראָ, סאַן-פּאַולאָ, רעסיף, סאַלוואַדאָר, פּאָרטאָ-אַלעגרע, אין די קאָלאָניעס געגרינדעט פון באַראָן הירש אין ריאָ גראַנדע דאָ סול, און עטלעכע אַנדערע שטעט, ווו ייִדישע אימיגראַנטן האָבן

געבילדעט אַ ייִשוב איז זיי אויסגעקומען, נישט נאָר צו רעדן, שרייבן, אָבער אויך צו פירן אַ גאַנץ רייכע קולטורעלע אַקטיוויטעט אין מאַמע-לשון.

מיט דעם צוועק, האָבן זיי געשאַפן שולן (ייִדישע און העברעיִשע, טראַדיציאָנעלע און פּראָגרעסיווע, - לכבוד ביאַליק, שלום-עליכם, פּרץ, ביבליאָטעקן, ביכער, זשורנאַלן, דראַם- און כאָר-קרייזן. אויף וויפיל עס איז געווען מעגלעך, האָבן זיי דורכגעפירט רעליגיעזע, געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע, אידעאָלאָגישע, אַרטיסטישע, ליטעראַרישע און קולטור-אַקציעס פון יעדן סאָרט.

אָבער דאָס איז געווען אַמאָל. איך וויל זאָגן, פון דעם מיטל 1920 ביז ענדע 1950, מער אָדער ווייניקער. פיר, אָדער פינף דורות היגע געבוירענע בראַזיליאַנער ייִדן האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין דעם לעבן, אין דעם נוסח, און נישט ווייניקע עלעמענטן פון דעם כאַראַקטער און טיפּישע שטריכן וואָס דריקן אויס די קאָלעקטיווע בראַזיליאַנישע פּערזענלעכקייט.

היינט, אויסער דער רעליגיעזער טייל וואָס, ווי אומעטום, נוצט צו זיינע וואָכנדיקע ענינים, איז די אַמאָליקע פאָלקס-שפּראַך נישט מער ווי אַן אָנדענק. אַ סך מאָל, עפעקטיוו, אַ סענטימענטאַלע מיט אַ שטאַרקער טררעף-כוח וואָס ווייזט אַרויס אין קרייזן געווענדעט דעם אָפּהיטן דאָס ייִדישע וואָרט. אָדער, אין אַ מער אָרגאַניזירטע פאָרם, אין ייִדישע שפּראַך-אינסטיטוציעס.

**מאַקס קאָהן :**
**וואָס מיינט איר וועגן דער צוקונפט פון ייִדיש אין בראַזיל?**

**זשאַקאָ גינסבורג :**
לויט דעם וואָס האָט זיך באַוויזן אומעטום, אין דער ייִדישער אשכנזישע דיאַספּאָרע, גלויב איך נישט, אַז מען קען געפינען עלעמענטן, עווידענצן, אַז ייִדיש איז מכוח איבערצולעבן אַלס אַ לעבעדיקע געמיינזאַמע שפּראַך, די שחיטע וואָס האָט פּאַרטיליקט דאָס שלאָגנדיקער וואָרט און האַרץ אין אָסט-אייראָפּע - צפון-אַמעריקע, ישראל, אַרגענטינע, נישט קיין טועת, פראַנרייך זיינען -, שרייענדיקע באַווייזן אין דעם הינזיכט.

איך מיין אַז אויסער אַקאַדעמישע קאַטעדרעס און שפּראַך-פאָרשנדיקע אוניווערסיטעט-אָפּטיילונגען, אחוץ קרייזן און געזעלשאַפטן פון ייִדישע ליבהאָבער, נאָר אַ נס, אָדער אַ "קולטורעלע רעוואָלוציע" אין די אשכנזישע אָרטאָדאָקסישע סביבות, קען פאַרענדערן זיין גורל.

אָקטאָבער 2006.

## דניאל גלאַי /ישראל

("אויער-סילועטן". ישראל 1994)

### תּל־אָביבער פּיס־מינוטן

האַרמאָנישער בינשטאָק
ווו כ׳פּיל זיך און איך בין
צווישן פּיל אַנדערע בינען
נישט געבוירן,
נישט געפּלויגן,
נישט דערצויגן,
און טראָץ אַלעם
פון קאָפּ ביז פּיס
גוט איינגעשרויפּט
אין דעם פּלאַכלאַנד
דעם מאָדערנעם,
אויף דעם "פּרילינג-
בערגל" מיינעם.
מיין נערוועזע כאָרעאָגראַפּיע
"תּל־אָביבער פּיס־מינוטן",
סאָרטירטע דורך ליכטסיגנאַלן
און דעם בלוטדרוק, דעם קאַפּוטן.
מיין תּל־אָביב ,דאָס ווייס איך,
איז נישט דיינע,
און דיינע, מן־הסתם —
נישט זיינע.
אַזעלכע אין די טויזנטער
אויפן מאַרק זענען פאַראַנען,
בעת דער דורכשניטלעכער תּושב אירער
בלייבט פאָרט אַן איינזאַמער...